בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' שלח | י"ב סיון | תשע"א | פסחים: ס"ד:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט בעת דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וויליאמסבורג אויפצונעמען אנשי שלומינו, איז כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה.

דערנאך איז הרה"צ ר' שמואל מרדכי פארטוגאל שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מ'סקולען שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א לקראת נישואי בנו ני"ו וועלכע קומט אי"ה פאהר דעם קומענדיגן וואך בשטומ"צ.

אויך זענען נעכטן אריין אל הקודש פנימה הגה"צ ר' משה טייטלבוים שליט"א ראש ישיבת ס. פאולאו בראזיל, אינאיינעם מיט מחותנו הגה"צ אבד"ק בני תורה צאנז, לרגל די שמחה במעונם וועלכע קומט פאהר אי"ה מארגן נאכט.

דאן איז הגה"צ ר' ברוך מייזליש שליט"א אבד"ק לייפניק געקומען צום רבי'ן שליט"א לקראת די חתונה פון א קינד וועלכע'ס קומט אי"ה פאהר נעקסטע וואך הבעל"ט.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר משה כוואן הי"ו פון קרית יואל.

## ברוך דיין האמת

היינט אינדערפרי איז נפטר געווארן הרה"צ ר' ישעי' אשר כהנא ז"ל מ'ספינקא קרית יואל, וועלכער האט די לעצטע שטיק צייט מיטגעמאכט יסורים ומכאובים ליידענ'דיג פון די ביטערע מחלה ל"ע, און איז ליידער היינט אינדערפרי נפטר געווארן.

די לוי' איז ארויס היינט אינדערפרי פון ביהמ"ד קארלסבורג אין וויליאמסבורג, און דערנאך פארנט פון ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי עס האבן מספיד געווען הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א, האדמו"ר מ'בית יצחק ספינקא שליט"א, און דערנאך האבן מספיד געווען און זיך רירענד געזעגענט זיינע חשובע קינדער הי"ו.

דערנאך האבן מספיד געווען הרבני הנגיד מוה"ר שלמה קלאגסברוין הי"ו וועלכער איז געווען גאהר נאהנט מיט'ן נפטר און אזוי אינאיינעם געדאווענט די פארגאנגענע פאהר יאהר אין ביהמ"ד אוהל פיגא,

וועלכער האט איבערגעבעטן בשם די מתפללי ביהמ"ד. דערנאך האט אויפגעטרעטן דער רב היביהמ"ד הגה"צ ר' דוד דוב שליט"א חדב"ן.

אויך האט זיך דער רבי שליט"א באטייליגט ביי די הספדים און באגלייט די מיטה, אויפן וועג צום בית החיים ווי דער נפטר ז"ל איז געקומען לקבורה.

הײנט נאכמיטאג איז געקומען די נישט-גוטע בשורה איבער די פטירה פון האשה החשובה מרת זיסל ע"ה ב"ר יושע ארי' גראס הי"ו אשת ר' ברוך גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, א אינגע מאמע פון 4 יתומים וועלכע האט לעצטענס ל"ע געליטן פון יענע מחלה ל"ע, און איז היינט אוועק אין איגען עלטער פון 31 יאהר.

די לוי' גייט ארויס אי"ה 7:00 אזייגער פארנט פון ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל אויפן וועג צום ביה"ח קרית יואל ווי זי וועט אי"ה קומען לקבורה.

*ובלע המות לנצח*
*-בשורות טובות-*

## גרויסע שריפה אין מחנה ויואל משה, פליישמאן'ס לאזט איבער גרויסע שאדן'ס

די פארגאנגענע נאכט האט אויסגעבראכן א שריפה אין קעמפ פון די ישיבה קטנה ויואל משה ד'סאטמאר בארא פארק, אין פליישמאן'ס ניו יארק, וועלכע'ס האט טאטאל פארניכטעט איין בנין פון די מגידי שיעור, און פאראורזאכט גרויסע שאדנ'ס אינעם בנין פון די ביהמ"ד און קווארטיר פון די בחורים.

## שיינער דינער און מעמד "חינוך הטהור לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק אין אנטווערפען

אויף א גאר שיינעם פארנעם איז נעכטן - דינסטאג נאכט פארגעקומען אין בית מדרשינו אין אנטווערפען יצ"ו דעם הערליכן דינער און "מעמד חינוך הטהור" לטובת די מוסדות הקדושים יטב לב בארה"ק, בהשתתפות פון א גאר שיינער ציבור ידידים וחסידים וועלכע האבן אנגעפיהלט דעם היכל בית מדרשינו אין וועלכן די מסיבה איז פארגעקומען.

אלס יו"ר המעמד האט געדינט הר"ר יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בבית מדרשינו וחבר הנהלת מוסדות יטב לב, וועלכער האט מיט פאסיגע ווערטער איינגעלייטעט די מסיבה און מכבד געווען הגה"צ רבי אהרן שיף שליט"א רב ואב"ד דקהלת "מחזיקי הדת" משמיע צו זיין דברי ברכה לרגל די מסיבה.

דערנאך האט מען געהערט א דרשה היוצא מן הלב פון הרה"ח ר' משה חיים ווייס הי"ו דער איבערגעגעבענער מנהל המוסדות אין בני ברק , וועלכער האט עטוואס געשילדערט די שווערע צייטן אין וועלכן די מוסדות הק' געפונען זיך, און אפעלירט צום ציבור מען זאל ארויסהעלפן יעדער כפי יכלתו, וואס ביי רביה"ק זי"ע איז געווען זייער חשוב אפי' קלענערע נתינות וועלכע זענען געקומען מקרב לב, און כש"כ ווען אינאיינעם קען מען אריינברענגען א באדייטענדן סכום לטובת די הייליגע מוסדות.

מיט די צענטראלע דרשה האט אויפגעטראטן דער אורח הדגול הגה"צ רבי חיים צבי מייזליש שליט"א ר"י מהרי"ט ד'סאטמאר בני ברק ,וועלכער האט נאכן זאגן פאסיגע דברי תורה, ארויסגעברענגט דאס געוואלדיגע חשיבות פון מוסדות יטב לב, און האט איבערגעגעבן אז די הנהלת המוסדות האפט אי"ה אז

פון אנטווערפען וועט מען קענען שיקן מדי חודש בחדשו דעם שיינעם סכום פון פינף טויזענט יורא! להחזקת המוסדות.

דער חשובער גאסט שליט"א האט דאן בפרטיות ארויסגעברענגט לשבח די קהלה נאה וחסודה, ווען מען האט ב"ה זוכה געווען מחנך צו זיין דעם נייעם בית המדרש, און עוד היד נטוי' צו גייען למעלה בקודש, און האט ארויסגעברענגט פארשידנאריגע נקודות ודברי הדרכה וויאזוי א סאטמארער ביהמ"ד תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק רבינו שליט"א דארף אויסצוזעהן.

ביים מעמד זענען אויך פארטיילט געווארן פארשידענע ווערטפולע מתנות פארן חשוב'ן ציבור, וועלכע האבן זיך כולם כאחד אנגערופן מיט א געוואלדיגע ווארעמקייט צו שטיצן און מחזיק זיין די הייליגע מוסדות.

אין די נאנטע וואכן וועט אי"ה פארקומען א גרויסארטיגער "פושקע קאמפיין" ווי די עסקנים וועלן אויסטיילן די נייע פושקע'ס פון מוסדות יטב לב פארן ציבור, און ווי עס איז ידוע אז רביה"ק זי"ע האט כמה פעמים באפוילן אז מען זאל אריינלייגן צדקה אין די פושקע פון די ארץ ישראל'דיגע מוסדות . פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגען.

***-אלקא דר' מאיר יעננו-***

◦•◦

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**